בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ז

427

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, וָואס טוּט מֶען? ........................ א

וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דֶעם מַאן פַאר אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְש? ........................ ד

וָואס טוּ אִיךְ מִיטְן קִינְד וָואס נֶעמְט יֶעדֶע הֲלָכָה מִיט נֶערְוֶוען? ........................ ה

וָואס טוּט מֶען אַז דִי כַּלָה ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן? ........................ ח

בְּלַייבְּן פַארְוֵויינְט נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת? ........................ יא

דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט? ........................ יב


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


זִיךְ אָנְזֶעטִיגְן בַּיינַאכְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה ........................ א

נִישְׁט שְׁלֶעכְט, נָאר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט ........................ ב

נִגוּנִים פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת ........................ ב

זִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִים ........................ ג

פַארְדֶעכְטְן דִי אוֹיגְן, הֵיילְט דִי אוֹיגְן ........................ ה

נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְטֶערְנֶעט, פַאר שַׁדְכָנוּת ........................ ה

שְׁפִּילְן פַאר דִי קִינְדֶער נָאר נִגוּנִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ........................ ו

מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט סַבְלָנוּת, תְּפִלָה, אוּן שִׂמְחָה ........................ ז

אַז מֶען טוּט דִי גֶעבָּאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט מֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת ........................ ח

אַנְטְלוֹיפְן פוּן זִיךְ אַלֵיין ........................ ט

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין שְׁטוּב זָאל זַיין עֶרְלִיךְ .............................. י
זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן פוּן כִּשׁוּף מַאכֶערְס אוּן שְׁטֶערְן זֶעעֶרְס .............. י
מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה ..............................יא
קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט ..............................יב
פַּרְשַׁת פָּרָה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט..............................יג
פַּרְשַׁת פָּרָה, רֵיין אוּן הֵיילִיג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ..............................יד
הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא דִי 'אֵפֶר פָּרָה' .............................. טו
אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם שֶׁרֶץ, אוּן דֶערְנָאךְ זִיךְ רֵיינִיגְן .............................. טז
חַזֶר'ן אֱמוּנָה ..............................יז
דִי תּוֹרָה וֶועט אָפְּהִיטְן אוּן אָפְּוַואשְׁן..............................יח
מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע ..............................יט
דִי טֻמְאָה פוּן אוֹיסְהֶערְן פַּאדְקֶעסְטְס .............................. כ
דוּרְךְ מִקְוֶה אִיז דָא אַ הָאפֶענוּנְג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם..............................כא
וֶוער אִיז מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ?.............................. כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, וָואס טוּט מֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וְויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן לִימוּדִים, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ הֶערְן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן מִיר לֵיינֶען דִי בְּרִיוְון אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער לֶעבְּן אוֹיךְ מִיט תְּפִלָּה אוּן אֱמוּנָה, אוּן אוֹיךְ מִיט חִינוּךְ קוּמְט צוּנִיץ דִי לִימוּדִים, אוֹיךְ לֶערְן אִיךְ יֶעדְן טָאג בַּיִת נִצְחִי אוּן אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאן אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אִינְטֶערְנֶעט אִינְדֶערְהֵיים, מִיר קוֹיפְן נִישְׁט קֵיין מַאגַאזִינֶען, אוּן נָאךְ אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן.

עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים אָדֶער נֶעמֶען אַן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים, וְאֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, פַאר דִי לֶעצְטֶע דְרַיי יָאר אַרְבֶּעט אִיךְ בַּיי אַ פַּרְנָסָה וָואס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ, מַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט הֲנָאָה צוּ זִידְלֶען אוּן טְשֶׁעפֶּען דִי אַרְבֵּייטֶער, אוּן מַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער הָאט אוֹיךְ לִיבּ צוּ אוּנְטֶערְדְרִיקְן דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אוּנְטֶער אִים, יֶעדֶע אָרְדֶער אִיז מִיט פְּרֶעשׁוּר אוּן מִיט טַעֲנוֹת, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וְוי שְׁוֶוער אִיךְ אַרְבֶּעט. אַזוֹי אוֹיךְ אַסַאךְ מָאל דַארְף אִיךְ אַרְבֶּעטְן פִיזִישׁ אוּן שְׁלֶעפְּן גָאר שְׁוֶוערֶע זַאכְן,

נָאךְ מֶער שְׁטֶערְט מִיר דִי אַרְבֶּעט וַוייל אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ נִיצְן מַיין קָאפּ, אוּן דִי סָארְט אַרְבֶּעט קֶען אַ שׁוֹטֶה אוֹיךְ טוּן.

נָאךְ מַיין חֲתוּנָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען יוּנְג אוּן נַארִישׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דְרַייסִיג קְרֶעדִיט קַארְדְס, אוּן אֵיינְמָאל מֶען הָאט קְרֶעדִיט קַארְדְס פַּאלְט מֶען אַרַיין אִין חוֹבוֹת, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נַיין קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זִיבְן אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער חוֹבוֹת, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אַרְבֶּעטְן אוּן מִיר דֶעקְן קוֹים דֶעם חוֹדֶשׁ, מִיר וואוֹינֶען אִין גָאר אַ קְלֵיינֶע דִירָה מִיט עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, מִיר דַארְפְן אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר אוּנְז זִיךְ דָאס צוּ קֶענֶען עֶרְלוֹיבְן, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֶעבְּן אַ חֹמֶשׁ פַּאר צְדָקָה, וַוייל וֶוען אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט קֵיין חֹמֶשׁ זֶע אִיךְ אַז אִיךְ פַּאל נָאךְ טִיפֶער אִין חוֹבוֹת, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן אַפָּאר עֶקְסְטֶערֶע דָאלֶער אִין דִי זַייט, אָבֶּער בִּיז דֶערְוַוייל הָאט גָארְנִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי, אוּן אַסַאךְ מָאל דַאוֶוען אִיךְ שַׁחֲרִית בִּיְחִידוּת (אִין שׁוּל) כְּדֵי נִישְׁט צוּ כַאפְּן קוֹלוֹת פוּן מַיין בַּעַל הַבַּיִת פַארְן קוּמֶען שְׁפֶּעט.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיךְ זָאל טוּן בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ פָאלְגְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ בִּיסְט טַאקֶע גְרֵייט צוּ פָאלְגְן - קֶענְסְטוּ אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ בָּארְגְן דִי גַאנְצֶע סְכוּם וָואס דוּ קוּמְסְט פַּאר דִי קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן דָאס בַּאצָאלְן, אַ שָׁאד דַיין גֶעלְט זָאל גֵיין פַּאר רִיבִּית, מִיט דִי גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעצָאלְט רִיבִּית בִּיז אַהֶער - קֶענְסְטוּ אָפְּצָאלְן דִי חוֹב. זָאלְסְטוּ בָּארְגְן פוּן גוּטֶע פְרֵיינְד אוּן פוּן מִשְׁפָּחָה; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל רִיבִּית דוּ הָאסְט גֶעצָאלְט בִּיז אַהֶער, פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ רִיבִּית, דָאס אִיז אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן זֶעקְס טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ יָאר, אִיז בִּיז פִיר יָאר

קֶענְסְטוּ הָאבְּן בַּאצָאלְט דִי גַאנְצֶע חוֹב (און זָאלְסְט צֶעשְׁנַיידְן אַלֶע קַארְטְלֶעךְ און דָאס אַוֶועק וַוארְפְּן).

שֵׁנִית, נִישְׁטָא מֶער אַזַא וָוארְט ווִי בָּארְגְן גֶעלְט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, און אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זַייעֶר זַייעֶר ווִיכְטִיג גֶעלְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל מֶען רוּפְט דִיךְ פוּן דִי מוֹסָד אַז דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג גֶעלְט און זֵיי טְרָאגְן דִיר אָן שֵׁיינֶע פְּלֶענֶער פוּן בָּארְגְן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן נִישְׁט בָּארְגְן, חוֹבוֹת הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ, און אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן גֶעלְט וַוייל מֶען גֵייט דִיר אָפְּהאקְן דִי לֶעקְטֶער - אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא דִי זַאךְ פוּן בָּארְגְן, זָאלְסְט אוֹיסְטוּן דִי שֵׁיינֶע אִידְ'שַׁאפְט קְלֵיידֶער און בֶּעט צְדָקָה פוּן גוּטֶע פְרַיינְד, בֶּעט הִילְף, און אַז אַ גוּטֶער חַבֶר וֶועט דִיר זָאגְן 'אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ בָּארְגְן' - זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן אַז דַיין דָאקְטֶער לָאזְט נִישְׁט וַוייל עֶס קֶען דִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען.

מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ טְרַייבּ אִיבֶּער, עֶס אִיז נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער ווִי דָא שְׁטֵייט, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט חוֹבוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן מִיט חוֹבוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה חֵלֶק א, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - זָאל עֶר בַּאצָאלְן זַיינֶע חוֹבוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דַיין אַרְבֶּעט; אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זִידֶעלְט דִיךְ, זָאלְסְטוּ אִים פְרֶעגְן שֵׁיינֶערְהֵייט אוֹיבּ עֶר אִיז צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אוֹיבּ זָאגְט עֶר נֵיין, עֶר זָאגְט: "דַארְפְסְט מַאכְן בֶּעסֶער" - זָאלְסְטוּ מַאכְן בֶּעסֶער, און אוֹיבּ זָאגְט עֶר אַז עֶר אִיז יָא צוּפְרִידְן זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן אַז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ דִיר שְׁטֶערְט דִיר; עֶס קֶען אַמָאל זַיין פוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט פוּן דִי שְׁוֶועֶרֶע לַאסְט וָואס לִיגְט אוֹיפְן בַּעַל הַבַּיִת - שְׁרֵייט עֶר און זָאגְט וְכוּ', זָאלְסְטוּ שֵׁיין רֶעדְן מִיט אִים.

אַוַודַאי וָואלְט וֶוען בֶּעסֶער גֶעוֶוען וֶוען דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דַיינֶע כֹּחוֹת אִין זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט, אִין הַרְבָּצַת הַתּוֹרָה, אִין לֶערְנֶען, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אָדֶער לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים, דָאס אִיז זַאכְן וָואס מֶען נֶעמְט מִיט, אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִיז נָאר צֵייטְוַוייליג, אָבֶּער יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין דִי אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן. בַּיי דִי אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְועגֶען אוּן אוֹיךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דֶעם מַאן פַאר אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב עֶס אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע וֶועג צוּ זָאגְן פַאר אֵיינֶעם: "דוּ שְׁמֶעקְסְט גֶעפֶערְלִיךְ, דַיין הָאר פְּלִיט, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אָנְטוּן פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער; לֵייגְן דִיאָדָארֶענְט הֶעלְפְט נִישְׁט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין דָא אַ שְׁמֶעק, נָאר פַאר דֶעם; נֶעם אַ שׁוֹיעֶר אוּן זַיי אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, טוּ זִיךְ אָן נַאכְט קְלֵיידֶער פַארן גֵיין שְׁלָאפְן, אוּן וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי טוּ אָן אָנְטוּן פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער"?

אִיךְ הָאב אִים דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט, כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אָנְגֵיין אַזוֹי; אִיךְ הָאב אִים נִישְׁט אָנְגֶעשְׁרִיגְן, אָבֶּער דִי זַאכְן מוּזְן זִיךְ טוּישְׁן; עֶר דַארְף זִיךְ שׁוֹין צַאמְנֶעמֶען, אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל. אִיךְ בִּין שׁוֹין מוֹחֵל דָאס גֵיין מִיט הוֹיזְן וָואס פַאלְן אַרָאפּ בִּיז דֶער עֶרְד, אָבֶּער נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט דִי זֶעלְבֶּע קְלֵיידֶער יֶעדְן טָאג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ טָעוּת בַּיי יוּנְגֶע קָאפְּלְס דָאס נִישְׁט רֶעדְן וֶוען עֶפֶּעס שְׁטֶערְט וְכוּ', מֶען דַארְף יָא רֶעדְן, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט שְׁוַוייגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵייטְן; מֶען דַארְף יָא רֶעדְן, אוּן מֶען דַארְף יָא זָאגְן וָואס שְׁטֶערְט, נָאר וָואס דֶען? מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג.

אַז אַייעֶר מַאן טוֹישְׁט נִישְׁט זַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן בָּאדְט זִיךְ נִישְׁט בִּיז עֶס

גֵייט אַ גֶערוּךְ - קֶען מֶען דָאס שֵיין אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, מֶען קֶען שֵיין רֶעדְן; דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט יֶענֶעם אַוֶועק מַאכְן, נָאר פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן וִוי שְׁטַארְק עֶס שְׁטֶערְט אוּן עֶס מַאכְט וֵוייטָאג.

אוֹיסֶער דֶעם, קֶען אַ קְלוּגֶע פְרוֹי דֶערְגֵיין דִי סִיבָּה דֶערְפוּן, צִי אִיז דָאס פוּן נִישְׁט וִויסְן אָדֶער גָאר פוּן יֵאוּשׁ; אוֹיבּ אִיז דָאס פוּן אוּמְוִויסְנְקֵייט, פוּן נִישְׁט וֶוערְן מְחוּנָךְ - קֶען מֶען דָאס לֶערְנֶען אוּן שְׁטֵייטְלֶעךְ אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ קֶען מֶען דָאס טוֹישְׁן, אוּן אוֹיבּ קוּמְט דָאס פוּן יֵאוּשׁ קֶען אוֹיךְ דִי קְלוּגֶע פְרוֹי אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן שְׁטַארְקְן, אַרַיינְבְּלָאזְן אַ הָאפֶענוּנְג וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זֶען דָאס גוּטְס פוּן אַייעֶר מַאן, אוּן אַז עֶס זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן עֶנְק, וַוייל וֶוען עֶס אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט - פַאלְט אַלֶעס אַוֶועק, וֶוען מֶען הָאט זִיךְ שְׁטַארְק לִיבּ - בַּאדֶערְט נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן גֶעדֶענְקְט דִי טַייעֶרֶע זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג פַארְן לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ בַּאדֶערְן, בַּאדֶערְט מִיר אַסַאךְ זַאכְן, בַּאדֶערְט מִיר גָארְנִישְׁט"; מִיט דִי שֵׂכֶל קֶען מֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ מִיטְן קִינְד וָואס נֶעמְט יֶעדֶע הֲלָכָה מִיט נֶערְוֶועןְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁרַייבּ וֶועגְן מַיין זוּן, אַ וואוֹילֶער אִינְגְל וָואס הָאט אַ גוּטְן קָאפּ אוּן לֶערְנְט פְלֵייסִיג בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶר נֶעמְט אָן זֵייעֶר עֶרְנְסְט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט אִין חֵדֶר, וָואס דָאס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ.

לֶעצְטְנְס הָאט עֶר אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן נֶעמֶען זַאכְן צוּ אַן עֶקְסְטְרֶעם, לְמָשָׁל וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ צוּ וַואשְׁן דִי הֶענְט, זַיין מְלַמֵּד הָאט גֶעלֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן

דִי הֶענְט אוּן אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן אַ דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וִוי לַאנְג מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן, אוּן אַז עֶס אִיז קָשֶׁה לְשִׁכְחָה, וְכַדוֹמֶה; דָאס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע 'אָה. סִי. דִי', אַ גַאנְצֶע נֶערְוֶוען זַאךְ, "אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶערִירְט מַיין קָאפּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יָא גוּט גֶעוַואשְׁן אָדֶער נִישְׁט?" אוֹיבּ הָאט עֶר אָנְגֶערִירְט דִי וַואסֶער נָאכְן זִיךְ אָפְּגִיסְן, הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁאֵלוֹת צִי עֶר וֶוערְט נָאכְאַמָאל טָמֵא, אוּן אַזוֹי גֵייעֶן דִי זַאכְן וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער וְאֵין לַדָּבָר סוֹף.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים דַאוֶוענֶען, לְמָשָׁל אַז מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, הָאט עֶר סְפֵיקוֹת צִי עֶר הָאט גוּט אִינְזִין גֶעהַאט, אָדֶער גוּט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער וְכוּ'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מַאכְט אַז אַלֶעס זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע פְּרֶעשׁוּר, אַלֶעס גֵייט צוּ מִיט אַ לַחַץ, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דֶעם.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְן אַ מְהַלֵּךְ אִין דֶעם, אוּן אוֹיךְ אֶפְשָׁר שְׁרַייבְּן פַאר מַיין זוּן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט אִים חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מִיט דִי זַאכְן, וַוייל דִי זַאכְן - אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט - וֶוערְט עֶס נָאר עֶרְגֶער. דֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב): "כִּי זֶה טֶבַע וּסְגֻלַּת שֶׁל אֵלּוּ הַיְצָרִין הָרָעִים הַמְזֻהָמִים", אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּצִיגֶע יֵצֶר הָרָע, "כָּל מַה שֶׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עַל אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת", וִוי מֶער מֶען ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי, "יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים", שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶערְקֶער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, "כִּי הוּא כְּמוֹ שֶׁאָדָם בּוֹרֵחַ מִדָּבָר", דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אֵיינֶעם, "וּמִסְתַּכֵּל מִן הַצַּד כִּלְאַחַר יָד עַל זֶה הַדָּבָר שֶׁבָּרַח מִמֶּנּוּ", אוּן מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף יֶענֶע זַאךְ פוּן וָואס מֶען לוֹיפְט אַוֶועק, "וַאֲזַי הַדָּבָר הַזֶּה מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר", דֶעמָאלְט וֶוערְט יֶענֶע זַאךְ

שְׁטֶערְקֶער, "כִּי לֹא הִסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה", וַוייל וֶוען יֶענֶער זֶעט ווִי מֶען קוּקְט צוּרִיק - זֶעט עֶר אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, דָאס מַאכְט אִים עֶר זָאל וַוייטֶער נָאכְלוֹיפְן, "רַק אַדְּרַבָּא, שֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם לְאַחֲרָיו עַל זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה", זֵיי וֶוערְן נָאר שְׁטֶערְקֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף זֵיי; אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, ווִי מֶער מֶען ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי - וֶוערְן זֵיי אַלְץ שְׁטֶערְקֶער.

לוֹיבּ אוֹיס דַיין קִינְד, גֶעבּ אִים אַסַאךְ כָּבוֹד, אוּן וֶוען עֶר וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְרִימֶען, זָאג הוֹיךְ פַאר דַיין וַוייבּ - וֶוען דַיין קִינְד הֶערְט - "מַאמִי דוּ זֶעסְט ווִי עֶרְלִיךְ עֶר פִירְט זִיךְ..." אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶר דַאוֶוענְט אוּן וֶוען עֶר קוּשְׁט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי מְזוּזָה זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְרִימֶען אוּן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד - וֶועט עֶס בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַוֶועק גֵיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר", וֶוער עֶס הָאט וֵוייניג שֵׂכֶל - "צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר" דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן", וַוייל דִי וָואס הָאבְּן וֵוייניג שֵׂכֶל - "הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", דַארְפְן מֶער כָּבוֹד; דוּ לוֹיבּ אִים אוֹיס אוּן זָאלְסְט נִישְׁט אַרוֹיס וַוייזְן אַז דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז אָדֶער דֶערְשְׁרָאקְן פוּן זַיין פִּירַאכְטְס, וֶועט עֶס בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַוֶועק גֵיין.

וְהָעִקָּר, תְּפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, בֶּעט פַאר דֶעם קִינְד פַאר דִי נֶערְוֶועז זַאכְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל תְּפִלָּה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר גֶעזוּנְטֶע, גוּטֶע, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוט מֶען אַז דִי כַּלָה ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן זִי וֵויינְט אַז זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

בַּיי אוּנְז הָאט מֶען גֶעווָאוּסְט אַז דָאס אִיז גָאר הַארְב, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אָבֶער זִי טַעְנָה'ט אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר אַז דִי הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, אוּן אוֹיךְ אַז עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט פוּן אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס, כָאטְשׁ וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וָואס טוט מֶען דָא? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַזֵק זַיין מַיין טָאכְטֶער אַז זִי זָאל זִיךְ יָא אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וֶוען דִי טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין אַ כַּלָה צוּ רֶעדְן צוּ אִיר פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דָאס וָואלְט מֶען שׁוֹין גֶעדַארְפְט טוּן וֶוען מֶען אִיז נָאךְ יוּנְג, סַיי אִין סְקוּל אוּן סַיי אִין שְׁטוּבּ; דֶער טַאטֶע בַּיים שַׁבָּת טִישׁ דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים, זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים ווִי זֵיי הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט יְשׁוּעוֹת פַאר פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קִינְדֶער, אוּן רְפוּאוֹת פַאר פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען קְרַאנְק - אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ פַארְנֶעמֶען אָפְּצוּשְׁנַיידְן דִי הָאר אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט.

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַלְס קִינְד אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס

הָאט גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז זַיין טָאכְטֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר נָאךְ אִיר חֲתוּנָה; וִויפִיל מֶען הָאט אִים פְּרוּבִּירְט צוּ דֶערְוֶועקְן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְוֶועקְט, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן נָאכְדֶעם וָואס זִי פָּארְט צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, וַוייל דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעטָארְט חֲתוּנָה הָאבְּן, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז מֶען וֶועט מַאכְן דִי חֲתוּנָה שְׁטִילֶערְהֵייט און דִי כַּלָּה וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר בִּיז זִי פָּארְט אַוֶועק צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אָבֶער דֶער צַאנְזֶער רָב הָאט זִיךְ פוּן דֶעם אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְוֶועקְט.

לְמַעֲשֶׂה וֶוען דִי כַּלָּה הָאט גֶעזֶען וִוי אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְוֶועקְט זִיךְ נִישְׁט אִיז זִי אַרַיין אִין אַ צִימֶער און זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר, זִי הָאט גֶענוּמֶען אִיר הָאר און דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִיר טַאטֶע׳ס הֶענְט און גֶעזָאגְט: "טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן", הֶערְנְדִיג דָאס הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט און צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם בַּאוואוּסְטְזַיין; וַוייל דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזֶען וָואס פַאר אַ צָרוֹת דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אִיז פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק הָאט עֶר גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט.

דֶערְצֵייל אִיר דִי מַעֲשֶׂה אַז אֵיידֶער דִי דֵייטְשֶׁע רוֹצְחִים זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אוּנְגַארְן אִין אוּהֶעל הָאט דֶער אוּהֶעלֶער רָב צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע פְרוֹיעֶן און זֵיי גֶעזָאגְט: "טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, וִוי עֶס זֶעט אוֹיס בִּיז אַ טָאג קוּמֶען דִי דֵייטְשֶׁע וֶועלְף אוּנְז אַלֶע הַרְגְ׳עֶנֶען, אִיךְ זָאג עֶנְק צוּ, אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס וֶועלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן נָאךְ הַיינְט נַאכְט בַּיי דִי רֶעבֶּעצִין וֶועלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן און אִיבֶּערְלָאזְן דוֹרוֹת, און אַז נִישְׁט - וִויל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן וָואס וֶועט זַיין", און דִי תְּמִימוּת׳דִיגֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ דִי רֶעבֶּעצִין, און דִי אַלֶע זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן און אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי קְרִיג.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַ שָׁאד אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִין סְקוּל׳ס מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ דִי זַאכְן, אַ שָׁאד מֶען הָאט פַארְגֶעסְן פַארְוָואס מֶען הָאט בִּכְלַל גֶעעֶפְנְט מֵיידְל סְקוּלְס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא אִיז דָאס פוּן דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע

לִימוּדִים, דִי לֶערֶערִינְס רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן פָאלְגְן צַדִיקִים, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אוֹיךְ אִיז דָא הֶערְלִיכֶע נִגוּנִים וָואס מֶען זִינְגְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר. בַּיי אוּנְז אִיז פַּארְקֶערְט, מִיר הָאבְּן קִינְדֶער וָואס דִי מַאמֶעס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן מִיט דִי מְנַהֶלֶת וָואס זֵיי קֶענֶען טוּן אַז זֵייעֶר מַאמֶע זָאגְט זֵיי אַז זֵיי מוּזְן גֵיין מִיט דִי מְסוֹרָה אוּן בְּלַייבְּן מִיט דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָבֶער דִי מֵיידְלֶעךְ ווִילְן זִיךְ יָא אָפְּשֶׁערְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל הֵיילִיגֶע דְרָשׁוֹת פוּן פָאלְגְן דִי זוֹהַר וָואס זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחֲזֵי מְשַׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען, 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי; זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. זָאגְט וַוייטֶער דֶער זוֹהַר: 'מַאן גָּרִים דָּא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט שְׁפֶּעט, אִיז נָאר דָא אֵיין זַאךְ, רֶעדְן פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבְּן פַארְוֵוייְנְט נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זֶענֶען מָתוֹק מִדְּבַשׁ, אַזוֹי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, יֶעדֶע שִׁיעוּר הֵייבְּט מִיךְ אוֹיף, אִיז מִיךְ מְחַזֵק, אוּן בְּרֶענְגְט מִיךְ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אִיךְ בִּין מַקְפִּיד צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער כִּמְעַט יֶעדְן טָאג שְׁטֶעל אִיךְ זִיךְ אָפּ אִינְדֶערְמִיט, וַוייל אִיךְ הֵייבּ אָן וֵויינֶען. אִיךְ הֵייבּ נָאר אָן צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אוּן אִיךְ הֵייבּ אָן וֵויינֶען גְלַייךְ ווִי אַ קְלֵיין קִינְד, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים זֶע אִיךְ נִישְׁט אוֹיס אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, מַיין וַוייבּ וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר, וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ הֵייבּ אָן שְׁפִּירְן אַז עֶס קוּמְט מִיר טְרֶערְן, שְׁטֶעל אִיךְ גְלַייך אָפּ דִי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אִיךְ הֵייבּ זִיךְ אָן אוּנְטֶערְזִינְגֶען אַ פְרֵיילִיכֶע נִיגוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ פָּאלְגְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּ בִּיסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה), דִי עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, אוּן דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

וֶוען דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ עֶנְדִיגְן מִיט אַ גוּטֶע זַאךְ, נִישְׁט בְּלַייבְּן פַארְוֵוייְנְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז.):

"מַתְחִיל בִּגְנוּת וּמְסַיֵּים בְּשֶׁבַח", מֶען הֵייבְּט אָן מִיט נִישְׁט שֵׁיינֶע זַאכְן אוּן מֶען עֶנְדִיגְט מִיט לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פֶּסַח בַּיינַאכְט וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הֵייבְּט מֶען אָן דֶערְצֵיילְן: "מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ", אוּן מֶען עֶנְדִיגְט צוּ: "אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ וְגָאַל אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם"; אַזוֹי דַארְף צוּגֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען הֵייבְּט אָן דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס אוּן וִוי מֶען הַאלְט, וִוי וַוייט מֶען אִיז פוּן קְדוּשָּׁה, אָבֶּער מֶען מוּז עֶנְדִיגְן מִיט שְׁבַח, מֶען מוּז עֶנְדִיגְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, מֵעַכְשָׁו וֶועְר אִיךְ אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אִיךְ גֵיי דִיר זַיין גֶעטְרֵיי**", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶערְצֵייל נִישְׁט אִין שְׁטוּב דַיינֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְצֶער, אוּן אַז דַיין וַוייבּ פְרֶעגְט דִיר פַארְוָואס דוּ וֵויינְסְט, זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן: "אִיךְ וֵויין פוּן שִׂמְחָה, אִיךְ בִּין אַזוֹי דַאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז"; דֶערְצֵייל אִיר נִישְׁט אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט, דַיין וַוייבּ קֶען זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין אַ גְרוֹיסֶע קְלַאס פוּן אִיבֶּער דְרַייסִיג קִינְדֶער, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיבּ דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם, סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים, מִדּוֹת טוֹבוֹת, כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

מִיט צְווֵיי קִינְדֶער אִין קְלַאס הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעהַאט צוּטוּן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, מַמָּשׁ זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶערוּפְן בַּיים נָאמֶען אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעדְרֵייט, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט זֵיי אָנְקוּקְן פַאר

נִשְׁט גוּטֶע קִינְדֶער, אִיךְ זֶע ווִי זֵיי טוּעֶן עֶפֶּעס נִשְׁט רִיכְטִיג, אִיךְ רוּף זֵיי, אִיךְ זָאג זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן, אָבֶער זֵיי הֶערְן זִיךְ בִּכְלַל נִשְׁט צוּ, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי שׁוֹין אֲפִילוּ בַּאשְׁטְרָאפְט פַאר דִי סָארְט זַאכְן.

הַיינְט הָאט אָבֶער דִי חֵדֶר גֶעבְּרֶענְגְט אַ דָאקְטֶער צוּ אוּנְטֶערְזוּכְן דִי הֶערְן קְרַאפְט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דִי צְווֵיי קִינְדֶער הֶערְן נִשְׁט אַזוֹי גוּט.

דָאס הָאט מִיךְ גֶעכַאפְּט אִין שָׁאק, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ סְתָּם אָנְגֶעקוּקְט שְׁלֶעכְט דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי נָאךְ אוֹיךְ בַּאשְׁטְרָאפְט, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען בֶּאֱמֶת נִשְׁט גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג, זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט נִשְׁט גֶעהֶערְט ווִי אִיךְ רוּף זֵיי; ווִי אַזוֹי טוּ אִיךְ תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, מֶען קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, זֵיי זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּגְרוּנְד לֵייגְן אַ קִינְד פַארְן לֶעבְן; זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, נִשְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער מֶעג זַיין אַ מְלַמֵּד, אַ מְלַמֵּד קֶען נָאר זַיין אֵיינֶער וָואס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַ גֶעפִיל פַאר אַנְדֶערֶע.

דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט, אַז יֶעצְט אִיז מֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער קִינְד וֶועם דוּ רוּפְסְט הֶערְט נִשְׁט גוּט; אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעהַאט כַּמָּה פְּעָמִים מִיט קִינְדֶער אוּן מִיט בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִשְׁט גֶעקֶענְט הֶערְן נָאר אוֹיף אֵיין אוֹיעֶר, אוּן וֶוען זֵיי רֶעדְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אוּן מֶען רוּפְט זֵיי - הֶערְן זֵיי נִשְׁט, וַוייל זֵיי הֶערְן נָאר מִיט דִי אוֹיעֶר וָואס רֶעדְט יֶעצְט אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אוּן אַז מֶען ווֵייסְט דָאס נִשְׁט קֶען מֶען זֵיי מַאכְן פַאר מְחוּצָּפִים וֶוען בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי אוּמְשׁוּלְדִיג.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין כִּתָּה פַאר אַלֶע

תַּלְמִידִים, אַז אַלֶע זָאלְן הָאבְּן חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן, און דוּ זָאלְסְט הָאבְּן חֵן אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן. בֶּעט פַּאר זֵיי (זָאג אַרוֹיס יֶעדֶע נָאמֶען), אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי לִיבּ הָאבְּן און זֵיי זָאלְן דִיךְ לִיבּ הָאבְּן, און דוּ זָאלְסְט זֵיי קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידוֹת טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִיךְ אָנְזֶעטִיגְן בַּיְינַאכְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט גֵיין יֶעדֶע נַאכְט צוּם דַיְין'ס שִׁיעוּר, לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יד.): "כָּל הַמַּשְׂבִּיעַ עַצְמוֹ מִדִּבְרֵי תּוֹרָה", וֶוער עֶס זֶעטִיגְט זִיךְ אָן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיְינַאכְט, "וְלָן", אוּן עֶר גֵייט שְׁלָאפְן זַאטֶערְהֵייט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - "אֵין מְבַשְּׂרִין אוֹתוֹ בְּשׂוֹרוֹת רָעוֹת", וֶועט זִיךְ נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן שְׁלֶעכְטֶע חֲלוֹמוֹת.

עֶס אִיז אֵינוֹ דוֹמֶה אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע טָאג אוּן הָאט אַ שִׁיעוּר וָואס עֶר לֶעבְּט מִיט דֶעם אוּן פַארְפַּאסְט דָאס נִישְׁט, צוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט דִי אַרְבֶּעט וְכוּ'.

נָאר בְּלַייבּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם, וֶוען דִי שִׁיעוּר עֶנְדִיגְט זִיךְ זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין שְׁלָאפְן. אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, גֵיי אִיבֶּער דַיין טָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אִים אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן בֶּעט אִים אִיבֶּער אוֹיף וָואס דוּ דַארְפְסְט אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן בֶּעט אִים אוֹיף לְהַבָּא.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵייליךְ אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן מַאךְ מִיט זֵיי וֶוערְטְלֶעךְ; דָאס עֶפְּנְט זֵייעֶרֶע מֹחוֹת זֵיי זָאלְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן קְלוּג.

...

## נִישְׁט שְׁלֶעכְט, נָאר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ זָאגְט אַז עֶפֶּעס אִיז מִיט אִיר גֶעשֶׁען, זַייט זִי הָאט גֶעהַאט דָאס קִינְד - פַאֲרלִירְט זִי זִיךְ, זִי שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, אוּן זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אִיר; זִי וֵויינְט, זִי זָאגְט אַז עֶכְט וִויל זִי נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, עֶכְט וִויל זִי רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן הַארְצִיג, אָבֶּער זִי פַארְלִירְט זִיךְ, אוּן נָאכְדֶעם פַאֲרלִירְסְטוּ זִיךְ, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס שׁוֹין אָן פַאר אַ שְׁטִיק צַייט.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיסְהַוואַרְטְן מִיט סַבְלָנוּת, זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז בֶּאֱמֶת הָאט דַיין וַוייבּ דִיךְ לִיבּ, זִי וִויל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, זִי אִיז פָּשׁוּט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אוּן מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועט זִיךְ אַלֶעס צוּרִיק קֶערְן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען.

בַּאנֵיי זִיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס דוּ פְלֶעגְסְט זַיין שְׁטַארְק; מִיט דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת אִין שׁוּל, אוּן מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא וְכוּ׳. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וואוּ מֶען קֶען זֶען לֵיצָנוּת אוּן דְרָשׁוֹת שֶׁל דּפִּי הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן צְוִוישְׁן עֶנְק.

...

## נִגּוּנִים פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס תּוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**חַיִּים מֵאִיר עֶרְפְּס נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אָשֵׁר יַעֲנְקֶל נֵרוֹ יָאִיר, דֶער מְנַהֵל פוּן אוּנְזֶער "קֶרֶן הַדְפָּסָה", עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט גְרֵייט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר דִי נַייעֶ סִידִי, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְזוֹימֶען, נָאר וָואס שְׁנֶעלֶער דָאס עֶנְדִיגְן אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן. וַוייל דִי נִגּוּנִים זֶענֶען מְחַיֶּ׳ אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה, שִׂמְחָה אוּן הָאפֶענוּנְג.

עֶס קוּמֶען אַרוֹיס אַזוֹיפִיל סִידִיס, אָבֶּער עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי נִגּוּנִים

וָואס זִינְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס תּוֹרוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמ): "וֶוען דִי וֶועלְט וֶועט הֶערְן מַיינֶע תּוֹרוֹת מִיט אַ נִיגוּן אוּן אַ טַאנְץ, וָואלְטְן אַלֶע אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט גֶעוָוארְן בָּטֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, מִיט זִינְגֶען נָאר נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִגּוּנִים פוּן הָאפֶענוּנְג, וָואס אִיז מְחַיֶּ׳ וּמֵשִׁיב אֶת הַנֶּפֶשׁ, וָואס הֵיילְט דִי בַּת מֶלֶךְ (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג).

"כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ" (אָבוֹת ה, יח), וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת; דָאס זֶענֶען דִי מְפִיצִים וָואס טוּעֶן פַארְן רַבִּים, זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן מוּטִיגְן, אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּנֶעם זִיסְן "דֶרֶךְ הַלִּימוּד" (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז נָאר אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אִיר - רוּט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אָנְצוּהֵייבְּן נָאךְ אַ סִידִי מִיט דִיר...

...

## זִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ זָאגְסְט אוֹיס יֶעדְן טָאג גַאנְץ תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ׳, וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה - זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען הָאט כֹּחַ נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן; וַוייל בֶּאֱמֶת וִויל יֶעדֶער אִיד זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, עֶס זֶענֶען דָא

מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר דִי חִיזּוּק אוּן עִידוּד אָנְצוּגֵיין אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ'; זָאגְט דֶער רֶבִּי, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְכְדֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וֶוען דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים זָאלְסְטוּ זִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי וֶוערְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן קכה): "לוֹמַר כָּל מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים עַל עַצְמוֹ", דִי אַלֶע פְּסוּקִים אִין תְּהִלִּים וָואס רֶעדְט פוּן מִלְחָמוֹת - מֵיינְט מֶען דִי גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה, דִי מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר וְחֵילוֹתָיו, וָואס ווילְן אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי קְדוּשָּׁה; מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אָפְּהִיטְן פוּן אַוֶועקְפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

שְׁטַארְק דִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִיטְן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶער דוֹר אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיז מְחַזֵּק, מְעוֹדֵד וּמְשַׂמֵּחַ יֶעדְן אִיד. שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן זַיי מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ, זַיי נִישְׁט זַאט אוּן צוּפְרִידְן, זוּךְ וָואס מֶער צוּ דְרוּקְן אוּן וָואס מֶער בֶּעסֶער צוּ מַאכְן פַאר דִי מְפִיצִים, זִיךְ רֶעכְעֶנֶען מִיט זֵיי אוּן זֵיי גֶעבְּן זֵייעֶר פַארְלַאנְג.

...

## פַארְרֶעכְטְן דִי אוֹיגְן, הֵיילְט דִי אוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז מִיטְן זִיךְ פָארְנֶעמֶען עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי "אוֹיגְן" - וֶועט קוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה אוֹיף דִי "אוֹיגְן".

עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כא, כד): "עַיִן תַּחַת עַיִן", אַן אוֹיג אַנְשְׁטָאט אַן אוֹיג; אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים סב, יג): "וּלְךָ ה' הַחֶסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ", זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קפז), ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן? וֶוען מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטְרָאף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוער קֶען זָאגְן וָואס דָאס מֵיינְט? מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הוּא מֵבִין לְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו וְלֵידַע הַחֵטְא שֶׁפָּגַם בּוֹ וְלָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וָואס זִיךְ נָאךְ צוּ זוּכְן, אוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, עַיֵּין שָׁם.

נֶעם זִיךְ פָאר עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן מִיט דִי אוֹיגְן, אָדֶער נִישְׁט קוּקְן דְרָשׁוֹת שֶׁל דֹפִי, פַּאדְקֶעסְטְס פוּן לֵצִים (לֵצִים מֵיינְט אַלֶעס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיסֶער תּוֹרָה אוּן אֱמוּנָה), אָדֶער נֶעם זִיךְ פָאר צוּ לֵייגְן אַ פִילְטֶער וְכוּ', נִישְׁט זֶען קֵיין גִּלּוּי עֲרָיוֹת, אָדֶער גָאר גוּטֶע אוֹיגְן, קוּקְן נָאר גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָדֶער וָואס דוּ וֶועסְט אַלֵיינְס שְׁפִּירְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

יְשׁוּעַת הַשֵּׁם כְּהֶרֶף עַיִן, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמְט אִין אַן אוֹיגְן בְּלִיק, דָאס מֵיינְט, מִיטְן גֶעבְּן אַ בְּלִינְק - אַ פַארְמַאךְ דִי אוֹיגְן פוּן נִישְׁט קוּקְן שְׁלֶעכְטְס - קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

...

## נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְטֶערְנֶעט, פַאר שַׁדְכָנוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ', מָאנְסִי**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן וָואס עֶנְק הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן פַאר שַׁדְכָנוּת,

עֶנְק זָאגְן מִיר צוּ אַז עֶנְק גֵייעֶן נִישְׁט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב קֵיין אִינְטֶערְנֶעט; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דִי קַבָּלָה, מֶער פוּן דֶעם דַארְף אִיךְ נִישְׁט, דָאס אִיז דָאךְ מַיין גַאנְצֶע צִיל בַּיים מַאכְן שִׁידוּכִים, אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטִיבֶער וואוּ מֶען וֶועט לֶעבְן - מַאן אוּן וַוייבּ - בְּשָׁלוֹם, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן דָאס קֶען נָאר זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, ח): "אִי אֶפְשַׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה", אַ מַאן קֶען נִישְׁט זַיין אָן דִי וַוייבּ, "וְאִי אֶפְשַׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ", אוּן דִי וַוייבּ קֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם מַאן, "וְאִי אֶפְשַׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה", אוּן בֵּיידֶע קֶענֶען נִישְׁט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן דִי טֶעלֶעפָאן, טֶעבְלֶעט, לֶעפְּטַאפּ וְכוּ', מִיט אִינְטֶערְנֶעט - טְרַייבְּט אַרוֹיס דִי שְׁכִינָה פוּן שְׁטוּבּ, אוּן דִי שָׁלוֹם בַּיִת צֶעפַאלְט.

נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן מִיר דָאס צוּגֶעזָאגְט פַאר שַׁדְכָנוּת אוּן אוֹיךְ הָאט מֶען פוּן מִיר אַרוֹיסְגֶענַארְט צוּ זַיין מְסַדֵּר קִידוּשִׁין אוּן טַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ, (אִיךְ טוּ דָאס מֶער נִישְׁט, נָאר אַז אִיךְ קֶען פּוֹעֶלְ'ן אַ צוּזָאג אַז אִין שְׁטוּב וֶועט נִישְׁט זַיין דִי עֲבוֹדָה זָרָה), אוּן נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מְקַיֵּים גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּזָאג; אִיךְ הָאף אַז בַּיי עֶנְק וֶועט דָאס יָא בְּלַייבְּן אַ קַבָּלָה, אַ צוּזָאג וֶועט זַיין אַ צוּזָאג; וֶועט זַיין וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית י, ד): "כָּל הַמְקַיֵּם אֶת דְּבָרוֹ רוּחַ חֲכָמִים נוֹחָה הֵימֶנּוּ".

...

### שְׁפִּילְן פַאר דִי קִינְדֶער נָאר נִגּוּנִים פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ זֶעלְקָאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, סְגַן מְנַהֵל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט צוּשְׁטֶעלְן פַאר אַלֶע בָּאס דְרֵייוֶוערְס בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד דִי נִגּוּנִים פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן 'נָאר' דָאס זָאל שְׁפִּילְן פַאר דִי קִינְדֶער בַּיים בְּרֶענְגֶען אוּן טְרָאגְן צוּ חֵדֶר, סְקוּל אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים,

און אוֹיךְ וֶוען מֶען טאנְצְט אִין חֵדֶר זָאל מֶען טַאנְצְן מִיט דִי נִגוּנִים, און אוֹיךְ זָאל דָאס שְׁפִּילְן פַאר דִי קִינְדֶער; אַזוֹי וֶועט אַריינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער און אִין זֵייעֶר מַארֶעךְ - אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אֱמוּנָה טְהוֹרָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת, אַז אִין יָארְן אַרוּם, יָארְן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶס וֶועט אִיבֶּערְגֵיין וָואס עֶס וֶועט אִיבֶּערְגֵיין - וֶועט זֵיי שְׁפִּילְן אִין מֹחַ: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט", און: "בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט", און: "אוֹיף אֱמוּנָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט" וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּלַאן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פוּן צַדִיקִים, אַ דוֹר פוּן אִידְן מַאֲמִינִים בַּה'; דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר און הֶערְן טוֹיזְנְטֶער מָאל און הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס און טוּט אַלֶעס, זֵיי הֶערְן דָאס בַּייטָאג און בַּיינַאכְט, בַּיים עֶסְן און בַּיים אַיינְשְׁלָאפְן (מִיט קוֹל בְּרֶסְלֶב - מַעֲשֶׂה'לֶעךְ), בַּיים פָארְן אִין חֵדֶר, בַּיים זַיין אִין חֵדֶר, בַּיי רִיסֶעס, בַּיי הַפְסָקָה, בַּיי מִיטָאג, בַּיים שְׁפִּילְן, בַּיים שְׁווִימֶען, בַּיים טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען, אַז דָאס וֶוערְט אַ חֵלֶק פוּן זֵיי.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט טוּן מַיין ווִילְן.

...

## מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט סַבְלָנוּת, תְּפִלָּה, און שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט פָּנִים בְּפָנִים וְכוּ'; לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ, טָאג נָאךְ טָאג - זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וּבִפְרַט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים עֶסְן; זֵיי זָאלְן עֶסְן מִיט עֶסְצֵייג, און זִיצְן און עֶסְן אֵיידְל, נִישְׁט ווִי אַ פְרֶעסֶער און אַ זוֹיפֶער, און אַז עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ מֶער אַרוֹיס בַּיי אֵיין קִינְד דָאס צֶעפְלוֹיגְנְקֵייט און פַארְחָלוֹמְ'טְקֵייט - זָאלְסְטוּ מִיט דֶעם קִינְד גֵיין מֶער שְׁטַייטְלִיךְ. עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, ו): "חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ", יֶעדֶע קִינְד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַסֶכְתָּא; אֵיינֶער אִיז מֶער אַ זָרִיז, און אֵיינֶער אִיז פַארְקֶערְט,

און עֶלְטֶערְן דַארְפְן מִיט סַבְלָנוּת מְחַזֵק זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אֵיידְל און אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דַיינֶע צְוֵויי עֶלְטְסְטֶע קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָבוּק בָּהֶם, לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶס אִיז מְסוּגָל פַאר עֶלְטֶערְן נִישְׁט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי קִינְדֶער, דָאס הֵייסְט מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט נָאכְגֵיין טְרִיט אוֹיף טְרִיט; נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען בַּאמֶערְקְן (אוֹיסֶער סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן).

דֶער עִיקָר זָאל זַיין אִין שְׁטוּב פְרֵיילִיךְ, גֶעבּ פַאר אַלֶע קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער, רִים אוֹיס יֶעדְן קִינְד מִיט זַיינֶע מַעֲלוֹת און מִידוֹת טוֹבוֹת, און וְהָעִקָּר אִיז תְּפִלָּה; גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר און שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אוֹיף יֶעדֶע קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

...

## אַז מֶען טוּט דִי גֶעבָּאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט מֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אָנְטוּן טַלִית וּתְפִילִין יֶעדְן טָאג, הֵייבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אֵיידֶער דוּ לֵייגְסְט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד.): "כָּל הַמֵּנִיחַ תְּפִילִין מַאֲרִיךְ יָמִים", וֶוער עֶס לֵייגְט תְּפִילִין הָאט אֲרִיכוּת יָמִים און הָאט אַ גוּט לֶעבְן; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם מג:): "כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ", וֶוער עֶס לֵייגְט תְּפִילִין און טוּט אָן צִיצִית און הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, "הַכֹּל בַּחִזּוּק שֶׁלֹּא יֶחֱטָא", אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס אַרְבֶּעט נָאר אוֹיבּ מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי תְּפִילִין, צִיצִית וּמְזוּזָה; אַז מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות - הָאט מֶען אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה נִישְׁט צוּ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן, דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען; וַוייל אַז מֶען טוּט דִי גֶעבָּאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען דַאוֶונְט דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת אִין שׁוּל - הָאט מֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן.

...

# אַנְטְלוֹיפְן פוּן זִיךְ אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט כְּסֵדֶר ווִי דַיין קָאפּ פְּלַאצְט דִיר, דוּ ווִילְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִיר וְכוּ׳; דָאס אַלֶעס קוּמְט וַוייל דַיין נֶפֶשׁ אִיז הוּנְגֶערִיג פַאר תּוֹרָה, דַיין נֶפֶשׁ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַיין נְשָׁמָה אִיז הוּנְגֶערִיג פַאר תּוֹרָה; דוּ קֶענְסְט זִיךְ דָאס אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אֵיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ צוּ עֶנְדִיגְן דִי פַּרְשָׁה, אוּן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת מִיט אַפָּאר שׁוּרוֹת גְמָרָא - וֶועסְטוּ וֶוערְן צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין צוּפְרִידְן, אַלֶעס וֶועט גוּט וֶוערְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן. אַנְשְׁטָאט נִישְׁטֶערְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳ - נֶעם דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן חַיּוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ח): ״עִיקָּר רוּחַ הַחַיִּים הוּא בְּהַתּוֹרָה״, דֶער עִיקָּר לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט - לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה; ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה.

...

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין שְׁטוּב זָאל זַיין עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַוַודַאי אִיז בֶּעסֶער אָנְצוּטוּן דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן וְכוּ׳, אָבֶּער אַז דַיין וַוייבּ קֶען דָאס נָאכְנִישְׁט נֶעמֶען, זִי שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶעם אַז דַיין זוּן זָאל גֵיין מִיט וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּער רַייסְן, נָאר וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד אוּן מִיט תְּפִלָּה וֶועט זִי אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי קַטְנוּת, זִי וֶועט אָנְהֵייבְּן לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן תְּפִלָּה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין שְׁטוּב זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, דַיין שְׁטוּב זָאל זַיין גֶעבּוֹיט פַארְקֶערְט פוּנֶעם גוֹי. אַ אִידִישֶׁע לְבוּשׁ אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, אוּן נָאר בִּזְכוּת וָואס דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם הָאבְּן נִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען דִי וֶועג וִוי אִידְן קְלֵיידְן זִיךְ - זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער גָלוּת.

מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר וַוייט, אוּן זִיכֶער מִיט תְּפִלָּה קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר וַוייט.

...

### זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן פוּן כִּשׁוּף מַאכֶערְס אוּן שְׁטֶערְן זֶעעֶרְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אַז נָאכְן טוֹעֵם זַיין פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין זָאל מֶען דִיךְ נָאךְ קֶענֶען פַארְנַארְן, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ לָאזְן זִיךְ נַארְן דוּרְךְ אַ כִּישׁוּף מַאכֶער, אַ פְּרוּי פוּן ... וָואס - פַאר אַ סְכוּם גֶעלְט - טוּט זִי וָואס זִי טוּט אוּן זִי פַארְנַארְט מֶענְטְשְׁן; וִוי קֶען זַיין אַז נָאכְדֶעם וָואס דוּ אוּן דַיין וַוייבּ הָאבְּן שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן שִׂמְחָה, פוּן אֱמוּנָה - זָאלְן עֶנְק זִיךְ לָאזְן נַארְן מִיט הֶבֶל הֲבָלִים...

ווי קֶען אַ נאַרִישֶׁע פְּרוּי דִיר זָאגְן וָואס דַיין כֹּחַ אִיז און וָואס דַיין וַוייבְּ׳ס כֹּחַ אִיז? אַז דַיין כֹּחַ אִיז ... און דַיין וַוייבְּ׳ס כֹּחַ אִיז ...; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, אַז מֶען וֵוייסְט: ״כֹּחַ-מָה״, וָואס אִיז דֶען מַיין כֹּחַ? דִי כֹּחַ אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס...

בְּרוּדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): ״דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן״; גְלֵייבּ מִיר, אִין אֵיין בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל קֶענְסְטוּ הָאבְּן פַאר דַיין לֶעבְּן מֶער פוּן דִי אַלֶע כִּישׁוּף מַאכֶערְס און שְׁטֶערְן זֶעעֶרְס.

...

## מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ דִירָה מִיט אַ קִינְד וֶוען עֶס אִיז נִיטָאמָאל דָא פְּלַאץ פַאר אַ ווִיגְל און דִי קִינְד שְׁלָאפְט אֵיין נַאכְט מִיט דִי טַאטֶע און אֵיין נַאכְט מִיט דִי מַאמֶע; דָאס אִיז נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן, דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

מֶען דַארְף שׁוֹין גֵיין צוּ אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה; זָארְגְט נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, עֶר גֶעבְּט וָואס מֶען דַארְף, אַז מֶען דַארְף אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה הָאט מֶען פַאר אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה.

אַז עֶנְק וֶועלְן הָאבְּן אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה וֶועט אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער, דִי שָׁלוֹם בַּיִת, דִי חִינוּךְ הַבָּנִים, און אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר, שׁוּשַׁן פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג; מוֹהֲרַנַ״ת אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף פּוּרִים אָבֶער עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר אִיז עֶרְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען שׁוּשַׁן פּוּרִים. דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוּמֶען אוּן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף פּוּרִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים״; דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ הַיינְט אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, טֵייל אַיין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, זָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג) אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן טוּן דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייב וָואךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט): ״אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ״כָּךְ וְכָךְ״, וֶועט עֶר

סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַּרְשַׁת פָּרָה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי ד׳ פַּרְשִׁיּוֹת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, דֶער צַדִיק וְקָדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר אִמְרֵי פִּנְחָס, אַרְבַּע פַּרְשִׁיּוֹת, אוֹת קיח): "אִיךְ בֶּענְק זִיךְ עֶס זָאל שׁוֹין קוּמֶען דִי ד׳ פַּרְשִׁיּוֹת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען זֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן", אִין דִי פִיר שַׁבָּתִים קוּמְט אַרָאפּ אַ לִיכְטִיגְקֵייט פַאר יֶעדְן אִיד פוּן דִי ד׳ עוֹלָמוֹת וָואס זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי ד׳ אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה (סֵפֶר קְדֻשַּׁת לֵוִי פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל אוֹ יְבֹאָר).

דִי וָואךְ וָואס מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת פָּרָה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן רֵיין אוּן הֵיילִיג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. לוֹיט אַ טֵייל פּוֹסְקִים אִיז קְרִיאַת פַּרְשַׁת פָּרָה אַ דְאוֹרַיְיתָא (עַיֵּין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרפה, סְעִיף ד), עַל כֵּן זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן דָאס לֵיינֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן וֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא גְרֵייט זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי קְרִיאָה פוּן פָּרָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רֶעכְן מִיר אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט וֶוען גֶעשְׁפְּרִיצְט אוֹיף מִיר דִי אַשׁ פוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָּה, אִיךְ זָאל וֶוערְן רֵיין פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת", אוּן וֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא הֵייבְּט אָן לֵיינֶען זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן אוֹיסְהֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַּרְשַׁת פָּרָה, רֵיין אוּן הֵיילִיג פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ פַּרְשַׁת פָּרָה אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל צוּ וֶוערְן רֵיין אוּן הֵיילִיג פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דִי הֲלָכוֹת פוּן טוּמְאָה וְטָהֳרָה, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמב): "הִרְהוּרֵי נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן הֵם טֻמְאַת מֵת", אוּן "אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה", אַז מֶען טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען טְרַאכְט פוּן נִיאוּף - וֶוערְט מֶען טָמֵא מִיט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע טוּמְאָה, טֻמְאַת מֵת וָואס אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה, וַוייל אַז מֶען טְרַאכְט פוּן עֲבֵירוֹת וֶוערְט דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶערִיבֶּער יֶעצְט וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן רֵיין אוּן הֵיילִיג, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶען זָאל מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן קֵיין עֲבֵירוֹת. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע מוֹחִין, הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן קֵיין מַחֲשָׁבוֹת פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער כֹּהֵן נֶעמְט אַ שְׁטִיקְל הָאלְץ פוּן אַ טֶענֶענְבּוֹים, מִיט אַ בִּינְטְל אֵזוֹב, אוּן אַ רוֹיטֶע פָאדֶעם אוּן טוּנְקְט דָאס אַיין אִין דִי מַיִם חַיִּים, זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (הוּבָא בְּרַשִׁ"י בַּמִּדְבָּר יט, ו), מֶען ווִיל מִיט דֶעם מְרַמֵּז זַיין פַאְרן מֶענְטְשׁ: "יַשְׁפִּיל אֶת עַצְמוֹ כְּאֵזוֹב וְתוֹלַעַת", וָואס הָאלְסְטוּ זִיךְ גְרוֹיס? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָא, וָואס בְּלָאזְטוּ פוּן זִיךְ? בֵּייג זִיךְ אַיין פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן - "וְיִתְכַּפֵּר לוֹ", וֶועסְטוּ וֶוערְן רֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין; וַוייל אַלֶע טֻמְאוֹת קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיסְט זִיךְ, עֶר פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, אוּן אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר אִיז אַלֶעס - פַאלְט אַוֶועק דִי גַּאֲוָה אוּן מֶען וֶוערְט רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא דִי 'אֵפֶר פָּרָה'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ, הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא דִי 'אֵפֶר פָּרָה', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נה), וָואס אִיז דִי סוֹד פוּן אֵפֶר פָּרָה? דִי סוֹד אִיז תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ יד, ג): "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ", דוּרְךְ נִיצְן דִי לִיפְּן נָאר פַאר תְּפִלָּה, שָׁאקְלֶען דִי לִיפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ מִיר מַאכְן דִי 'פָּרָה אֲדוּמָה' אוּן מֶען וֶוערְט רֵיין פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת; אוּן מִיט תְּפִלָּה וֶועט מָשִׁיחַ אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, מֶען זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מָשִׁיחַ אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן מֵשִׂיחַ אִלְּמִים, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט וֶוערְן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט רֶעדְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ - אוֹיסֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶע וֶועלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'", אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת פוּן דֶעם שַׁבָּת וָואס מִיר לֵיינֶען פַּרְשַׁת פָּרָה אֲדוּמָה, צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע וֵוייטָאגְן, סְפֶּעצִיעֶל דִי וֵוייטָאג וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ ווילְסְט זַיין אַ צַדִּיק אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ אִין דִי טוּמְאָה, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן מִיט דִי 'אֵפֶר פָּרָה', דוּרְךְ 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת' - וֶועסְטוּ וֶוערְן רֵיין פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם שֶׁרֶץ, און דֶערְנָאךְ זִיךְ רֵיינִיגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי וָואךְ וֶוען מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת פָּרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת, און אוֹיךְ דִי כֵּלִים וָואס דוּ הָאסְט שְׁטִילֶערְהֵייט בַּאהַאלְטְן, וָואס קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): ״אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סָאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה״, אַז מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה וֶוערְט מֶען רֵיין נָאר אוֹיבּ מֶען וַוארְפְּט אַוֶועק דִי טוֹיטֶע שֶׁרֶץ, אָבֶער אוֹיבּ מֶען כַאפְּט וַוייטֶער אָן דִי טוֹיטֶע שֶׁרֶץ, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין אַלֶע מִקְוָאוֹת פוּן דִי וֶועלְט, בְּלַייבְּט עֶר טָמֵא; אַז מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען ווִיל זִיךְ רֵיינִיגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אָפְּלָאזְן דִי טוֹיטֶע שְׁרָצִים, דִי כֵּלִים וָואס בְּרֶענְגְט טוֹיט.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אוֹיךְ דִי כֵּלִים וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן פַאר בִּיזְנֶעס זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל הָאבְּן דִי בֶּעסְטֶע און שְׁטֶערְקְסְטֶע פִילְטֶערְס, מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ זֶען עֲבֵירוֹת און לֵיצָנוּת, וַוייל עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ זֶען עֲבֵירוֹת, לֵיצָנוּת וְכוּ׳.

צַדִיקִים זָאגְן אַז דִי וָואךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת פָּרָה קֶען מֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין, מַאךְ יֶעצְט דַיין גוּטֶע הַחְלָטָה און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע כֵּלִים וָואס פַארְשְׁמִירְן מִיךְ און זֶענֶען מִיךְ מְטַמֵּא״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַזֶר'ן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה אִיז אַ חָק אָן קֵיין טַעַם, שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַז דָאס אַלֵיינְס אִיז דִי טָהֳרָה, דָאס גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי תּוֹרָה - דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק א, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה", מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה, מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען זַאכְן גֵייעֶן וִוי מֶען וִויל - וֵוייסְט מֶען אַז דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל אוּן עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִינְגֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער: "אַז עֶס גוּט - אִיז דָאךְ דוּ, אוּן אַז עֶס אִיז חָלִילָה פַארְקֶערְט - אִיז דָאךְ וַוייטֶער דוּ, אוּן אַז עֶס אִיז דוּ - אִיז דָאס גוּט, אוּן אַז עֶס אִיז גוּט - אִיז דָאךְ וַוייטֶער דוּ, דוּ, דוּ, דוּ"; עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט חַזֶר'ן אֱמוּנָה, אוּן זִינְג נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, זִינְג: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", דוּרְכְדֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר פַארְגֶעבְּן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן דוּ וֶועסְט רֵיין וֶוערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי תּוֹרָה וֶועט אָפְּהִיטְן אוּן אָפְּוַואשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, דִי שַׁבָּת וָואס מֶען לֵיינְט דִי פָּרָשָׁה פוּן פָּרָה אֲדֻמָּה, וָואס מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים (הוֹשֵׁעַ יד, ג): ״וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ״ - אִיז אַ גוּטֶע צַייט דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאנַייעֶן, דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה ד, ח): ״כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה״, אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי עוֹל תּוֹרָה, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ״מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם״, רֶעכְן אִיךְ עֶנְק אַזוֹי וִוי אִיר וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת פֵּאָה; אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט סֵדֶר זְרָעִים אוּן נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן סֵדֶר מוֹעֵד, לֶערְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט סֵדֶר מוֹעֵד, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן וַוייטֶער, גֵיי אַ סֵדֶר נָאךְ אַ סֵדֶר, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֶעס, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן וַוייטֶער לֶערְנֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ עֶס פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אַזוֹי גֵייט דִי וֶועג פוּן לֶערְנֶען, אִין אָנְהֵייבּ פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ, נָאר שְׁפֶּעטֶער נָאכְן לֶערְנֶען אַסַאךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג.): ״לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבּוֹר״, עֶרְשְׁט זָאל מֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ״ס, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז זֵייעֶר וַוייט פַארזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה, אֲפִילוּ בַּעֲלֵי רָאתָן וָואס הָאבְּן אַ שֶׁרֶץ אִין קָאפּ; דָאס זֶענֶען מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף אוּן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי

גֶעזָאגְט (כְּתוּבּוֹת עז:): "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אָנְצוּכַאפְּן דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה", דִי תּוֹרָה וֶועט זֵיי אַלֶע אָפְּהִיטְן אוּן זֵיי אָפְּוַואשְׁן בִּיז זֵיי וֶועלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ זָאלְסְט זֵיי רוּפְן יֶעדְן טָאג אוּן זֵיי בַּאגְרִיסְן, אִינְטֶערֶעסִיר זִיךְ מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט זֵיי הֶעלְפְן, אוּן אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאט וִוי זֵיי - זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ זֵיי. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (קִידּוּשִׁין לא:; עֲבוֹדָה זָרָה כד:), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גּוֹי דָמָא בֶּן נְתִינָה אִין דִי שְׁטָאט אַשְׁקְלוֹן, וָואס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין טַאטֶע, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעקֶענְט פַארְדִינֶען אַסַאךְ גֶעלְט הָאט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע; אַנְשְׁטָאט מַאכְן בִּיזְנֶעס אוּן מְזַלְזֵל זַיין אִין זַיין טַאטֶע הָאט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אַוֶועק גֶעוָוארְפְן זַיינֶע בִּיזְנֶעס אוּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים בַּאצָאלְט עֶס אִיז בַּיי אִים אִין שְׁטַאל גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ פָּרָה אֲדוּמָּה, וָואס מֶען הָאט גֶענִיצְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ פָּרָה אֲדוּמָּה, דֶער וֶוערְט רֵיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוערְן פַארְעֶלְטֶערְט - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פַאר דִיר דִי מִצְוָה זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין, טְרָאג זֵיי אוּן בְּרֶענְג זֵיי, גֵיי אַיינְקוֹיפְן אוּן עֶרְלֶעדִיגְן פַאר זֵיי; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, סִימָן כו): "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ

מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעהֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט אוּנְז נָאר אֵיין זַאךְ, מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי טֻמְאָה פוּן אוֹיסְהֶערְן פַּאדְקֶעסְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא אַ נַייעֶ טוּמְאָה, אַ נַייעֶ צָרָה, דִי טוּמְאָה פוּן אוֹיסְהֶערְן פַּאדְקֶעסְטְס, דָאס זֶענֶען דְרָשׁוֹת שֶׁל דּפִי פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן אָפּ פוּן מִנְהָגֵי יִשְׂרָאֵל אוּן לַאכְן אָפּ פוּן צַדִיקִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לח), וֶוער עֶס לַאכְט פוּן צַדִיקִים הָאט בַּאהַאלְטְן אִין זַיין הַארְץ אַן אַנְדֶערֶע כַּוָונָה, עֶר וִויל בְּעֶצֶם שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, ט): "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם" בֶּאֱמֶת וָואלְטְן זֵיי גֶעוָואלְט רֶעדְן אוֹיף דֶער וָואס אִיז אִין הִימְל, נָאר זֵיי דֶערְוַואגְן זִיךְ נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי אַוֶועק וַוארְפְן, "וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", רֶעדְן זֵיי אוֹיף דִי צַדִיקִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען לַאכְט פוּן רַבָּנִים אוּן פוּן מִנְהָגֵי יִשְׂרָאֵל.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא גְרֵייט זִיךְ צוּ לֵייעֶנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְוִויקְלֶען אוּנְטֶער דַיין טַלִּית אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי קְלִיפָּה פוּן אוֹיסְהֶערְן דִּבְרֵי לֵיצָנוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אוֹיסְצוּהֶערְן פַּאדְקֶעסְטְס, דְרָשׁוֹת שֶׁל דּפִי, אוּן דָאס קִילְט אָפּ מַיין אֱמוּנָה, עֶס קִילְט אָפּ מַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס קִילְט מִיךְ אָפּ פוּן יֶעדֶע דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער יֶעצְט וֶוען מֶען גֵייט לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן

טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל בֶּעט אִיךְ דִיר מַאךְ מִיךְ רֵיין, שִׁיק מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה מִמָּרוֹם, אִיךְ זָאל אַוֶועק וַוארְפְן דִי שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, אִיךְ זָאל נָאר אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים זָאגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קְלִיפְּס, ווִידִיאוֹס, פַּאדְקֶעסְטְס, מָאוִויס, אִיךְ ווִיל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ ווִיל הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דוּרְךְ מִקְוֶה אִיז דָא אַ הָאפֶענוּנְג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט הָאבְּן מִיר נִישְׁט דִי אֵפֶר פָּרָה אָבֶּער מִיר הָאבְּן אַ מִקְוֶה וָואס אִיז מְטַהֵר טְמֵאִים, אוּן דֶער וָואס אִיז נִזְהָר אִין מִקְוֶה אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן רֵיין. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיב מֶען אִיז נִישְׁט נִזְהָר אִין מִקְוֶה, מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אָן מִקְוֶה - אִיז נִישְׁט גוּט, דֶער הֵיילִיגֶער מָאוֹר וָשָׁמֶשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (פַּרְשַׁת אֱמוֹר), אַז דִי כַּת שַׁ״ץ יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען גֶעוָוארְן אַפִּיקוֹרְסִים וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא; זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין קַבָּלָה אָן טָהֳרָה.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל׳ן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְטַהֵר זַיין דַיין נֶפֶשׁ אוּן נְשָׁמָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה, דֶעמָאלְט אִין יֶענֶע רֶגַע טוֹבֵל׳ט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל דַיין נְשָׁמָה, אוֹיךְ אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אִין פְּגַם הַבְּרִית - קֶען מֶען פַארֶערְכְטְן דוּרְךְ זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין מִקְוֶה. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַנַ״ת הָאט גֶעזָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת,

מֶען הָאט חֲתוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן מִיט גוֹיִם, הָאט עֶזְרָא אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עֶזְרָא ט, ו): "בֹּשְׁתִּי וְנִכְלַמְתִּי לְהָרִים אֱלֹקַי פָּנַי אֵלֶיךָ", אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן מַיין קָאפּ, אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט: "וַיַּעַן שְׁכַנְיָה בֶן יְחִיאֵל וְכוּ', אֲנַחְנוּ מָעַלְנוּ וְכוּ', וְעַתָּה יֵשׁ מִקְוֶה לְיִשְׂרָאֵל", עֶס אִיז דָא אַ וֶועג דָאס צוּ פַארְעֶרְכְטְן, אוּן דִי פָּסוּק כַאפְּט אָן אַ לָשׁוֹן פוּן מִקְוֶה, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אָן אַ לָשׁוֹן יֵשׁ עֵצָה, יֵשׁ דֶּרֶךְ, יֵשׁ עִנְיָן, נָאר יֵשׁ מִקְוֶה; צוּ וַוייזְן אַז דוּרְךְ מִקְוֶה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְעֶרְכְטְן, 'יֵשׁ מִקְוֶה לְיִשְׂרָאֵל' דוּרְךְ מִקְוֶה אִיז דָא אַ הָאפֶענוּנְג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער אִיז מַיין מוֹרֶה דֶּרֶךְ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שַׁבַּת פָּרָה, י"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִּיקִים, אַז דִי וָואךְ פוּן פַּרְשַׁת פָּרָה אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ וֶוערְן מְקוֹרָב צוּ צַדִּיקִים, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס גְרֵייט אָן דִי אֵפֶר פָּרָה אוּן רֵיינִיגְט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי וִוי בַּיים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם כֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם אִישׁ טָמֵא אוּן אִים אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּן רֵיין גֶעמַאכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ טוּעֶן דִי צַדִּיקִים, זֵיי רֵיינִיגְן נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל; בַּיים צַדִּיק אִיז דָא דִי 'אֵפֶר פָּרָה', בַּיים צַדִּיק קֶען מֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַ אִיד מוּז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶּרֶךְ וֶועם מֶען פְרֶעגְט וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אַ דַיָּין וֶועם מֶען פְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת, אִיז יֶעצְט בַּיים לֵיינֶען פַּרְשַׁת פָּרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען: 'וֶוער אִיז מַיין מוֹרֶה דֶּרֶךְ? וֶוער וַוייזְט מִיר וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג?' אָן אַ צַדִּיק קֶען מֶען וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אַז

מֶען גֵייט נָאךְ חֲבֵרִים, שְׁכֵנִים, מֶען גֵייט נָאךְ דִי וִוינְט וָואס בְּלָאזְט - קֶען מֶען פַארקְרִיכְן פוּן דִי תּוֹרָה; יֶעצְט שַׁבָּת פָּרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען צוּ נֶעמֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ דַיָּין, אַ רָב - וָואס אִים וֶועסְטוּ פְרֶעגְן דַיינֶע פְּרַאגֶעס, דַיינֶע סְפֵיקוֹת, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דָאס אַרַיינְבַּאקְן אִין דַיינֶע קִינְדֶער, בַּיי דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס אִיז דִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי וָואךְ צוּ פְרֶעגְן אָדֶער הֶערְן, דָאס זָאל זַיין דִי שְׁמוּעֶסְן בַּיי דַיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת: ״דֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי״, אוּן ״דֶער דַיָּין הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי״; גֶעבּ אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס זָאל זֵיי אַרֵיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער אַז כְּדֵי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ - מוּז מֶען הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

# מהדורת מרדכי

הספר הקדוש הזה נתנדב

לעילוי נשמת

הרה"ג

## ר' מרדכי

בן הרה"ח

## ר' נחום

## שווארטץ

נפטר ז' אדר